# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:08
מוצאי שב"ק.....................9:37

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................משלי כ"ט-ל'
בבלי...........................סוכה י'
ירושלמי....................נדרים ג'
תוספתא.................תרומות ה'
רמב"ם..........מתנות עניים ח'

פרשת דברים, שבת חזון, ח' אב, שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 41 (508)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף. זָאגְט רַשִׁ"י, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע פְּלֶעצֶער וואו דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶּער עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיין שׁוּם אִיד, ווִי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם ווִי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמ'ס פְּלַאץ. אוּן וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנ'ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, עֶר אִיז דֶער מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה פ"ח, ט') אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵּים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן צִי דִי פְּלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר וֵוייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט נָאר דִי פְּלֶעצֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואוּיל אוּן ווילְן נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח') אַז מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מְ'גֶעבְּט מוּסָר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיב אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל ווִיל זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין נָאר אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פ"ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים א', י"ב) נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ, הִסְרִיחַ לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא נָתַן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעמַאכְט אַ גוּטֶע גֶערוּךְ פַאר דִי אִידְן, עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, נָאר עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אַייךְ**, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

סְתַּם אָנְצוּשְׁרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעטוּן דָאס אוּן יֶענְץ, אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דָאס וֶועט נָאר מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קֶען פוּן דֶעם נָאךְ מֶער אַרָאפְּפַאלְן, זִיךְ נָאךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט רַחֲמָנוּת מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ"ט, י') כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם, אֵיינֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידְן, עֶר קֶען זֵיי פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַ צַדִּיק זָאגְט מוּסָר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן צוּ טוּן, עֶר זָאגְט עֶס אָבֶּער מִיט רַחֲמָנוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט, מִיט אַ וֶועג וָואס זֵיי קֶענֶען פָאלְגְן אוּן נָאכְמַאכְן, עֶר וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף זֵיי, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת חֲזוֹן - תִּשְׁעָה בְּאָב

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת חֲזוֹן". אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶע אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶועלְן דִי טֶעג אָבֶּער צוּם סוֹף אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קֵיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב ווַייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, ווִי אַזוֹי קֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ פוּן דַיין זַייט הָאבּ סַבְלָנוּת, דוּ זַיי אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ אוּן שֵׁיין. גֵייט אַרִיבֶּער אִינְאֵיינֶעם אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען מוֹחִין, אִיר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן קַטְנוּת הַדַּעַת. וֶוען אִיר שְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע הֵייבְּט אָן אַרַיינְפִירְן דִי שְׁמוּעֶס אִין נֶעגַאטִיוֶוע טֶערִיטָארְיֶע, מֶען הֵייבְּט אָן קְרֶעכְצְן 'מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גֶעלְט', 'מִיר הָאבְּן אַ קְלֵיינֶע דִירָה', אוּן נָאךְ הוּנְדֶערְט זַאכְן וָואס מְ'הָאט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ דְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס צוּ אוֹיסְרֶעכֶענֶען וָואס אִיר הָאט יָא, 'מִיר זֶענֶען חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיר הָאבְּן לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער מִיט רַמַ"ח אֵיבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִידִים'; דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן אַלֶע דַיינֶע רְצוֹנוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# אַ גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶועט מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; וֶוען מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַ גוּט וָוארְט - גֶעבְּט מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ לֶעבְּן. אַמָּאל קֶען אַ גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען יֶענֶעם, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, קֵיינֶער וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, זֵיי ווִילְן נָאר אַנְטְלוֹיפְן ה׳ יְרַחֵם, אוּן מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶועט מֶען יֶענֶעם.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ גֶעבְּן פַאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אוּן דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיז וָואר. אַז מֶען וֶועט גוּט אַרַיינְקוּקְן, מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע זַאךְ אִין יֶענֶעם - וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גוּטֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען אֱמֶת מִיט וָואס יֶענֶעם צוּ מְחַיֶּ׳ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְּבָרִים תשפ״א)

# אַרוֹיסְטְרַייבְּן מִיט אַ שְׁטֶעקְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳) אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן, אוּן דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּטְרַייבְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת אִיז עֶר מַמָּשׁ מְשׁוּגָע, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) ״אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת״, אוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט אַ מְשׁוּגָעְנֶעם, אִיז נָאר מִיט אַ שְׁטֶעקְן. אוּן דָאס אִיז סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין דִי סָארְט עֲבֵירוֹת פוּן קוּקְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיז עֶר מַמָּשׁ מְשׁוּגָע פוּן דֶעם, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוֹיפְ׳ן גַאס, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן פוּן זַיין טֶעלֶעפָאן אָדֶער קָאמְפְּיוּטֶער מִיט וָואס עֶר זִיצְט אוּן קוּקְט פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת; אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען דִי שְׁטֶעקְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אַרוֹיסְטְרַייבְּן דֶעם מְשׁוּגָעְנֶעם וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין זַיין מֹחַ.

כָאטְשׁ וָואס פוּן אָנְפַאנְג וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייל דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעקוּקְט הָאבְּן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט זַיין מֹחַ אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט. דַארְף אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען כָאטְשׁ צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) אַז מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט. אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאגְן חֲזַ״ל (קֹהֶלֶת רַבָּה, פַּרְשָׁה א׳, סִימָן ל״ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ אָפְּגֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר, אוּן דֶערְנָאךְ וָואלְט עֶר אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם; אַזוֹי וִוי אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וֶועט עֶר אֵייבִּיג מוּזְן וַוייטֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, אוּן דָאס וֶועט אַרוֹיסְטְרַייבְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט אַזוֹי גְלוּסְטְן צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת.

חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד׳, הֲלָכָה ח׳) ״כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט. אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אָפְּגֶעוִוישְׁט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

>>>>>>

מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ ״שֶׁהֶחֱיָינוּ״ אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדְאַי לֵיינֶען סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ״, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ״. וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט ״וְאַתָּה קָדוֹשׁ״, צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ק״א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל נָאר הַרְגֶ׳עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחֵר סוֹד כַּוָּנַת ת״ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ״שׁ חֵלֶק א׳ וְחֵלֶק י׳ עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קיב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אוּן דַאן פָארְט עֶר אַהֵיים.**

**תכט**

**יוֹם טוֹב סוּכּוֹת** אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַ מִנְיָן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט אִינְאֵיינֶעם אִין דִי סוּכָּה פוּן זַיין טַאטֶע, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַהִינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן זַיין טַאטֶע.

זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט דָארְט מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, מִיט גְרוֹיס חִיוּת, אוּן מִיטְ'ן קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דֶער סֵדֶר בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

**תל**

**חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת** הָאט דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דֶער עִנְיָן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן זְלַאטִיפָּאלֶע אוּן זִיךְ אַריינְגֶעצוֹיגְן אִין בְּרֶסְלֶב אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ו, כ"ו) "וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר" - אִיךְ וֶועל אָפְּטוּן פוּן אַייךְ דָאס שְׁטֵיינֶערְנֶע הַארְץ, אוּן אַייךְ גֶעבְּן אַ "לֵב בָּשָׂר", אַ פְלֵיישִׁיגֶע הַארְץ. דִי שְׁטֵיינֶערְנֶע הַארְץ וַוייזְט אוֹיף גֶעלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מְלָכִים-א' י, כ"ז) "וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ אֶת הַכֶּסֶף בִּירוּשָׁלַיִם כָּאֲבָנִים", דֶער נָאמֶען פוּנֶעם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע מֵיינְט אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן דִי וֶוערְטֶער "לֵב בָּשָׂר", אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "בְּרֶסְלֶב"; דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק אַז דֶער רֶבִּי וֶועט פַארְלָאזְן זְלַאטִיפָּאלֶע אוּן זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן קַיין בְּרֶסְלֶב. אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ עֶרְוֶועקְט.

וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דֶער חָלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "לְעָתִיד לָבֹא וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים", וַוייל עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי (יוֹמָא פֶּרֶק ד', הֲלָכָה א') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ו, כ"ו) "וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר", אַל תִּקְרֵי בָּשָׂר, אֶלָּא בֹּסֶר, שֶׁיִּהְיֶה כָּל אֶחָד בֹּסֶר בְּחֵלֶק שֶׁל חֲבֵירוֹ, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט דַארְפְן זַיין חַבֵר'ס חֵלֶק, יֶעדֶער וֶועט זַיין צוּפְרִידְן מִיטְ'ן חֵלֶק וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען, אוּן דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן "בְּרֶסְלֶב".

[מְ'קֶען עֶס בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ט:) אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיב שִׂנְאַת חִנָּם, אַז מְ'הָאט פַיינְט גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. אוּן דָאס גֵייט נָאךְ לֵיידֶער אָן בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַלֶע צָרוֹת אוּן גָלוּת וָואס מִיר לַיידְן, אִיז נָאר וַוייל מְ'אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, מְ'פַארְגִינְט נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, וָואס דָאס קוּמְט וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטֵיינֶערְט מִיט קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט נָאר גֶעפִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן, וַוייל אַלֶעס קוּמְט דָאךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע גִלּוּי אֱלֹקוּת, אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, אוּן נֶעבְּן אִים, אַז גָארְנִישְׁט קֶען פַּאסִירְן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיטְ'ן דַעַת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ו, כ"ו) "וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר", יֶעדְנְ'ס הַארְץ וֶועט וֵוייךְ וֶוערְן, יֶעדֶער וֶועט זַיין אַ "בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר" חָסִיד, הָאבְּן אַ "לֵב בָּשָׂר", סְ'וֶועט הֶערְשְׁן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַחְדוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט.]

**תלא**

גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן פִילֶע אִידְן, צְוִוישְׁן זֵיי אוֹיךְ ר' יוּדְל אוּן ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ מִיטְגֶעגַאנְגֶען, צוּלִיב דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְקַשְּׁרוּת אוּן לִיבְשַׁאפְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט צוּם רֶבִּי'ן.

**תלב**

זוּנְטָאג, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיטְ'ן עוֹלָם, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דִי צְוֵויי רוֹצְחִים שְׁטֵייעֶן אוֹיף מִיר אוּן זָאגְן אַז אִיךְ בִּין יָא אַ גוּטֶער אִיד", אוּן עֶר הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף ר' יוּדְל אוּן אוֹיף ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "דִי צְוֵויי רוֹצְחִים". עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ טַייטְלֶען אוֹיף זֵיי, וַוייל זֵיי זֶענֶען אִים שְׁטֶענְדִיג נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

וֶוער קֶען דֶען פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת אוּן כַּוָּונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דִי צְוֵויי, ר' יוּדְל אוּן ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב בַּיי אִים, אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

פַארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פֻּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# זָאל אִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת פַאר מַיין שְׁוֶוער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ הֶערְן יֶעדֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן זִיךְ פִירְן לוֹיט דִי הַדְרָכוֹת וָואס אִיךְ הֶער, אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן אוּן עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

מַיין שְׁוֶוער קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף דֶעם שַׁבָּת, גֶעוֶוענְלִיךְ פִיר אִיךְ זִיךְ אַז וֶוען עֶר קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת גֶעב אִיךְ אִים אִיבֶּער צוּ פִירְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מְ'קֶען אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, אָבֶּער נָאר וִוי לַאנְג דֶער בַּעַל הַבַּיִת פִירְט דִי סְעוּדָה, נִישְׁט וֶוען דִי גֶעסְט נֶעמֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי עֶלְטֶערְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיף אַלֶע דֶעטַאלְן, אוֹיבּ זֵיי צוּ זֶעצְן אוֹיבְן אָן, זֵיי זָאלְן מַאכְן קִידּוּשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט אַלֶע כִּבּוּדִים, אוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אִיז אוֹיבּ זֵיי צוּ לָאזְן פִירְן דִי שְׁמוּעֶסְן בַּיים טִישׁ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ רֶעד פוּן עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע אִידְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶלְטֶערְן קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ - גֶעבְּט מֶען זֵיי אַלֶעס אִיבֶּער; מֶען גֶעבְּט זֵיי דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד, דִי חָשׁוּב'סְטֶע פְּלַאץ, דִי חָשׁוּב'סְטֶע שְׁטוּבּ, דִי חָשׁוּב'סְטֶע בֶּעט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בַּיים טִישׁ בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת זֶעצְט מֶען דֶעם טַאטְן אָדֶער שְׁוֶוער בַּיים אוֹיבְן אָן, זֵיי מַאכְן צוּם עֶרְשְׁט קִידּוּשׁ, אוּן בַּיי דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס נָאר דֶער רֹאשׁ הַמִּשְׁפָּחָה מַאכְט קִידּוּשׁ גֶעבְּט מֶען דָאס אִיבֶּער פַאר דִי טַאטֶע אָדֶער שְׁוֶוער, זֵיי פִירְן דִי סְעוּדָה.

דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי סְעוּדָה פַאר גֶעסְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן עֶלְטֶערְן, מֶען רֶעדְט וֶוען מֶען נֶעמְט גֶעסְט עַמֵי הָאֲרָצִים וָואס מַאכְן פוּן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אַ מוֹשַׁב לֵצִים, עֶס גֵייט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם - פוּן דֶעם דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן זֶען עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ צוּרָה פוּן אַ שַׁבָּת סְעוּדָה, זִינְגֶען זְמִירוֹת, רֶעדְן שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן שִׂמְחָה וְכוּ'.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט (יִתְרוֹ, פד.): "רַבִּי אַבָּא כַּד הֲוָה יָתִיב בִּסְעוּדָתָא דְשַׁבְּתָא הֲוָה חַדֵּי בְּכָל חַד וְחַד", דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אַבָּא וֶוען עֶר פְלֶעגְט מַאכְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, "רַבִּי שִׁמְעוֹן כַּד הֲוָה אָתֵי לִסְעוּדָתָא", דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה, "הֲוָה אָמַר הָכִי", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא דִמְהֵימְנוּתָא עִלָּאָה", לָאמִיר מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע סְעוּדָה וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, "אַתְקִינוּ סְעוּדָתֵיהּ דְּמַלְכָּא", לָאמִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַהֲוָה יָתִיב וְחַדֵּי", עֶר אִיז גֶעזִיצְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט בַּיי דִי סְעוּדָה; קוּק אַרַיין דִי שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן בַּיי דִי

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

סְעוּדָה, וואוּ עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פְלֶעגְן עֶסְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת; זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְרֵייד, וַוייל דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז מַשְׁפִּיעַ אֱמוּנָה פַאר זִיךְ, פַאר דִי שְׁטוּבּ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר, דָאס מֵיינְט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעסְט פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים, בִּיז אֵיין וָואךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט זַיין זוּן, דֶער זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן דִי סְעוּדָה וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, דֶער גַאסְט אִיז גֶעוֶוען אַ נָאכְגֶעלָאזְטֶער, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ׳, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר זַיין זוּן עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען נָאר גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, גֶעסְט וָואס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן דַיינֶע חִיזוּקִים״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט נָאךְ אַ וָוארְט: ״אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!״ פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, מִיר זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, אָבֶער נָאר גֶעסְט וָואס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן אוּן זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, נִישְׁט וָואס שְׁטֶערְן אַ שַׁבָּת סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ״א)


# אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <**

אייער פריינד
אלי קנאלל
718-506-4341

Plan it Rite
Travel the right way


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## עטליכע סיומי הש״ס אין ישיבה

אין די לעצטע וואך איז פארגעקומען עטליכע סיומי הש״ס דורך בחורים און אינגלעך פון די ישיבה קטנה. אין זייטיגע זמנים, אינדרויסן פון די צייטן און די לימודים וואס זיי לערנען אין חדר און אין ישיבה, האבן זיי גוט אויסגענוצט די צייט, געלערנט נאך און נאך בלעטער גמרא, ביז זיי האבן זוכה געווען אנצוקומען צו דעם פרייליכן מאמענט, זוכה צו זיין צו ענדיגן גאנץ ש״ס, און מיט דעם זוכה געווען צו א צלם אלקים, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, ״דער וואס לערנט און איז מסיים גאנץ ש״ס, איז ממשיך אויף זיך א צלם אלקים״.

די חשובע מסיימים זענען הבחור החשוב שמעון ניישטיין נ״י, א זון פונעם חשוב׳ן מלמד מו״ה נחמן ניישטיין שליט״א, וואס האט יעצט זוכה געווען צו ענדיגן ש״ס שוין צום צווייטן מאל; הבחור החשוב שמעון רוטה נ״י, א זון פונעם ראש ישיבה שליט״א; הילד החשוב אליעזר שלמה נ״י, בן מו״ה יוסף חיים מזרחי הי״ו; און הילד החשוב אברהם מנחם נ״י, בן מו״ה יודל דעפריס הי״ו פון קענווי איילענד, ענגלאנד, וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש״ס אין יונגן עלטער פון 11 יאר, און איז ספעציעל געקומען צו פארן קיין אמעריקע צו מאכן דעם סיום ביים ראש ישיבה שליט״א.

די סיומים זענען פארגעקומען ברוב פאר והדר, מיט די באטייליגונג פון פילע אנשי שלומינו און קרובי המשפחה, וואס האבן זיך מיטגעפריידט מיט די גרויסע שמחות, און געוואונטשן פאר די חשובע מסיימים אז זיי זאלן ווייטער זיך האלטן מיט די הייליגע תורה זייער גאנץ לעבן, וואס דאס וועט זיי ברענגען אלעס גוטס אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

## ס׳איז צייט איבערצוקוקן דעם פאספארט

שטייענדיג אין חודש אב, בלויז צוויי חדשים בעפאר ראש השנה, איז וויכטיג צו אויפמערקן דעם ציבור, אז ׳די לעצטער מינוט׳ איז שוין אנגעקומען. פילע באמערקן אין די טעג אז זייער פאספארט לויפט שוין אפ אדער איז שוין אפגעלאפן, טיילווייז צוליב דעם וואס פילע האבן נישט גענוצט דעם פאספארט פאראיאר, האבן אסאך פארזען דעם אפלויף דאטום.

דערפאר קומען מיר דא מיט א וויכטיגע אלערט: קוקט שוין היינט איבער אייער פאספארט, אויב זעט איר אז עס לויפט אפ בעפאר צום גדליה תשפ״ב הבעל״ט, דארפט איר תיכף ומיד באנייען דעם פאספארט. מען קען עס שוין נישט אפלייגן, בפרט ווען עס ווערט באריכטעט אז די פאספארט אפיסעס זענען יעצט היבש איבערגעפילט מיט אפליקאציעס, און זענען דערפאר שטארק הונטערשטעליג מיט די ארבעט.

פון די אנדערע זייט איז דא גוטע נייעס, אז כאטש רוב לענדער פארלאנגען אז מען דארף האבן א פאספארט וואס איז גילטיג פאר גאנצע זעקס חדשים נאכדעם וואס מען קומט אן, איז די רעגולאציע אין אוקריינע אז עס איז זיי גענוג אז דער פאספארט לויפט נישט אפ ביז דער ריטורן טיקעט. דאס מיינט אז ווען מען נוצט א פאספארט וואס לויפט שוין אפ בעפאר די קומענדיגע זעקס חדשים, וועלן זיי זיין צופרידן און אריינלאזן, אויב מען ווייזט זיי אז מען האט א טיקעט אהיים צו פארן בעפאר דער פאספארט לויפט אפ.

אין אנדערע נייעס איבער די טיקעטס קיין אומאן, זעט מען ווי דער עולם קויפט שוין טיקעטס אין גרויסן. בפרט איז שטארק פאפולער דער ״טשארטער פלייט״ פון ״פלען איט רייט״, וואס אנטשפרעכט צו זיין בעז״ה א גאר גוטע ערפארונג פאר אלע רייזנדע. דער פליגער וועט זיין בלויז פאר אידן, עס וועט האבן די בעסטע סערוויס, עס וועט זיין א באקוועמע ״דריעמליינער״ פליגער. און וועט קאסטן בלויז $1,750 א טיקעט. דער טשארטער וועט בעז״ה ארויספארן מוצש״ק אום 1:30 נאך חצות הלילה פון נוארק ניו דזשערסי, און וועט בעז״ה אנקומען קיין קיעוו אום 7:00 פארנאכטס ערב ליל זכור ברית. אויף צוריק וועט מען זיך ארויסלאזן בעז״ה צום גדליה אום 5:00 פארטאגס, און מען וועט זיין צוריק אין ניו יארק בעז״ה צום גדליה אום 11:45 פארמיטאג. אנגעפילט מיט ישועות און רפואות, און גע׳פועל׳ט אלעס גוטס.

אויך זענען דא נאך אויסוואלן פאר ווער עס וויל צאלן ביליגער. מען קען קויפן גרופ טיקעטס פון טורקיש ערליינס, לאט ערליינס, לופטהאנזא עירליינס, און נאך.

פאר מער אינפארמאציע איבער טיקעטס קיין אומאן אויף ראש השנה הבעל״ט קען מען רופן פלען איט רייט אויף 845-678-3555 עקסטענשאן 5.

**קיינער טאר נישט פעלן!**


# עצתו אמונה אויף פאָסט



סובסקרייבט אייך צו באקומען די ״עצתו אמונה״ יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

718-387-2691 #3

subscribe@kerenhadfusa.org

# חורבן בית המקדש

**פילע שיעורים אויף תשעה באב;**
**מגילת איכה און ספר ירמיה פארגעלערנט;**
**נוצט אויס דעם תשעה באב ריכטיג**

# קול ברסלב

212-444-9191

1, 1, 9, 9

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876